**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/28/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול**

"אין די שעה'ן זינט די פעדעראלע רעגירונג האט פארעפנטליכט אן אנאנסירונג דראהענדיג צו שניידן 3 טריליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג, האבן מיליאנען פון ניו יארקער געלאזט הערן זייערע זארגן אז די פרעצעדענטלאזע טריט וועט אוועקנעמען זייער העלט קעיר, אוועקנעמען פינאנצירונג פון זייערע לאקאלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן, בלאקירן פאררעכטונגען צו שאסייען און בריקן און אזויפיל מער.

"די פעדעראלע רעגירונג האט פארשפראכן די געלט פאר ניו יארק — זיי מוזן האלטן זייער חלק פון די אפמאך. פאר די סיבה ארבעט איך מיט אטורני דזשענעראל Letitia James (לאטישע דזשעימס) אויף נייע לעגאלע שריט צו זיכער מאכן אז די געלטער ווערן געשיקט קיין ניו יארק ווי פארשפראכן און ווי פארלאנגט דורך דעם געזעץ. און אזוי ווי מיר לאזן די געריכטליכע פראצעדור זיך אנטוויקלען, מוזן ניו יארק'ס רעפובליקאנער פירער אין קאנגרעס זיך אהערשטעלן און נוצן זייער איינפלוס צו באשיצן אונזער סטעיט, אונזערע מענטשן און אונזער פעדעראלע פינאנצירונג.

"מיין שטאנד איז געבליבן די זעלבע: איך וועל ארבעטן מיט סיי וועם אין סיי וועלכע פארטיי וואס איז וויליג צו ארבעטן צוזאמען צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל און זיכער. אבער מיר וועלן זיך קיינמאל נישט קווענקלען צו קעמפן פאר די מענטשן פון די סטעיט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן